## קאַפּיטל דריי

1 און ער איז ווידער אַריינגעגאַנגען אין שול;
און עס איז דאָרטן געווען אַ מענטש, וואָס האָט
2 געהאַט אַ פֿאַרדאַרטע האַנט. און זיי האָבן געלויערט
אויף אים, צי ער וועט אים שבת היילן, כּדי זיי
3 זאָלן אים אָנקלאָגן. און ער זאָגט צו דעם מענטשן,
וואָס האָט געהאַט די פֿאַרדאַרטע האַנט: שטיי אויף
4 און שטעל דיך אין דער מיטן! און זאָגט צו זיי:
צי מעג מען שבת טאָן גוטס, אָדער טאָן שלעכטס?
ראַטעווען אַ נפש, אָדער טייטן? זיי אָבער האָבן
5 געשוויגן. און ער האָט זיך אַרומגעקוקט אויף זיי
מיט צאָרן, זייער באַטריבט איבער דער שטיינ־
האַרטקייט פֿון זייער האַרץ, און זאָגט צו דעם
מענטשן: שטרעק אויס די האַנט! און ער האָט זי
אויסגעשטרעקט; און זיין האַנט איז ווידער געזונט
6 געוואָרן. און די פּרושים זענען אַרויסגעגאַנגען,
און האָבן זיך גלייך באַראָטן מיט הורדוסנס לייט
קעגן אים, וויאַזוי זיי זאָלן אים אומברענגען.
7 און ישוע איז אַוועקגעגאַנגען מיט זיינע תּלמידים
צום ים, און אַ גרויסער עולם מענטשן פֿון גליל האָט
8 נאָכגעפֿאָלגט; און פֿון יהודה, און פֿון ירושלים,
און פֿון אדום, און פֿון עבֿר הירדן, און פֿון אַרום
צור און צידון, אַ גרויסע מאַסע מענטשן, הערנדיק
די מעשׂים, וואָס ער טוט, זענען זיי געקומען צו אים.
9 און ער האָט געזאָגט צו זיינע תּלמידים, אַז אַ קליין
שיפֿל זאָל זיין גרייט פֿאַר אים מחמת דעם המון,
כּדי מען זאָל זיך נישט דרענגען אויף אים; וואָרום
10 ער האָט אַ סך געהיילט, אַזוי אַז אַלע, וואָס האָבן
געהאַט אַ פּלאָג, זענען געפֿאַלן אויף אים, כּדי אים